**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/27/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל אנאנסירט 15 מיליאן דאלאר פאר קאמיוניטיס ארום אינדיען פוינט און פאר ענווייראמענטאלע פראיעקטן**

***די געלטער וועלן אויסנוצן ביז 13 מיליאן דאלאר אין צוגאבליכע סטעיט און פעדעראלע פינאנצירונג***

***פראיעקט וועט פירן צו פובליק געזונטהייט פארבעסערונגען, שטיצן ענווייראמענטאלע פארשונג און צושטעלן דזשאב טרענירונג***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט אז די סטעיט האט געשאנקען 15 מיליאן דאלאר פאר לאקאלע אינפראסטראקטור פראיעקטן, דזשאב טרענירונג, נאכפאלגן דאס אפרייניגונג און ענווייראמענטאלע פארשונג אין די קאמיוניטיס ארום די געווענע אינדיען פוינט נוקלעארע פאווער פלענט. די געלטער זענען ערמעגליכט געווארן דורך ניו יארק'ס לעגאלע סעטלמענט מיט Entergy, די געוועזענע אייגנטימער פון אינדיען פוינט, אלץ טייל פון איר 2017 אפמאך צו פארמאכן די אלטע נוקלעארע פאווער פלענט.

"די געלטער זענען טייל פון א ברייטע צוגאנג צו זיכער מאכן אז אינדיען פוינט'ס שליסונג פאראורזאכט נישט אז עס זאלן נישט געמאכט ווערן קיינע אינוועסטירונגען אינעם ראיאן", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו ארבעטן מיט יוניאנס און מיט לאקאלע פירער פאר אן אריבערגאנג וואס פארשטערקערט די לאקאלע עקאנאמיע, באהאנדלט זיך מיט די ארבייטער יושר'דיג און באשיצט די ענווייראמענט פון ניו יארק סטעיט."

"איך באדאנק גאווערנאר האוקאל פארן פארשנעלערן די אריבערפירונג פון די געלטער", **האט טשעיר פון די אינדיען פוינט שליסונג אייניהייט (Indian Point Closure Task Force) טאָם קאַנגדאן געזאגט.** "מיר קענען יעצט מאקסימיזירן אנדערע געלטער וועלכע קומען אריין אינעם ראיאן, העלפן ניו יארקער וועלכע ווערן באטראפן פון די שליסונג פון די פלענט, פארזעצן קריטישע פארשונג אויף די האדסאן ריווער וואס איז געווען אין געפאר פון אפגעשטעלט ווערן , און אזוי אויך וועלן מיר קענען גיבן מער פינאנציעלע זיכערהייט פאר די באטראפענע לאקאלע רעגירונגען וועלכע דארפן פלאנירן פאר גרויסע אינפראסטראקטור פראיעקטן."

מעלדונג בריוון איבער די געלטער זענען היינט געשיקט געווארן צו קאָרטלאנד טאַון און צו ביוּקענען ווילעדזש צו היסטאָריק האדסאן וואלי, טיעמסטערס לאָקעל 456, הענדריק האדסאן סקוּל דיסטריקט און צו די האדסאן ריווער פאַונדעישען פאר די פאלגנדע פראיעקטן:

**קאָרטלאנד און ווילעדזש אָוו ביוּקענען: 7 מיליאן דאלאר**

- צו שטיצן דאס פלאנירונג פון פיר וואסער אפלויף סיסטעמען וואס לויפן אריבער שטעט גרעניצן, אריינרעכענענדיג דאס איבערמאכן און פארברייטערן די ביוּקענען אפלויף וואסער באהאנדלונג

איינריכטונג און די פארבינדונג פון א נייע וואסער אפלויף דיסטריקט אין מאָנטראָוז, אויסגעשטעלט צו נוצן ביז 10 מיליאן דאלאר אין צוגאבליכע סטעיט געלטער.

**האדסאן ריווער פאַונדעישען: 6.5 מיליאן דאלאר**

- פאר די האדסאן ריווער ביאלאגישע נאכפאלגונג פראגראם, וועלכע באשטייט פון פינאנצירונג פאר א רייע פארשונג באמיאונגען צו פארזעצן מיט דאס נאכפאלגונג פון די פיש אין די האדסאן ריווער און די עסן קוועלער (אונטערשטע עסן נעץ) פאר האדסאן ריווער פיש. די פראגראם איז פינאנצירט געווארן דורך Entergy בעפאר די פלענט איז געשלאסן געווארן, און עס איז אריינגערעכנט געווארן אין די סעטלמענט אפמאך אלץ א פריאריטעט פראיעקט צו פינאנצירט ווערן.

**היסטאָריק האדסאן וואלי: $750,000**

- פאר היסטארישע און ענווייראמענטאלע אפהיטונג פארבעסערונגען צו פראפערטי פון די מוזעאום און צו אויסנוצן א 3 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע גרענט וואס וואלט אנדערש פארלוירן געווארן פאר די וואַן קאָרטלאנד מאנאָר געיטוועי ( Van Cortlandt Manor Gateway) פראיעקט.

**הענדריק האדסאן סקול דיסטריקט: $500,000**

- צו קויפן און אפערירן עקוויפמענט צו נאכפאלגן די קוואליטעט פון די לופט ביי די ביוקענען-ווערפלענק עלעמענטערי סקול דורכאויס די אפרייניגונג פון די אלטע פלענט.

**טיעמסטערס לאָוקעל 456: $250,000**

- צו קויפן א א ביזנעס-טרייבנדע טרענירונג סימולאטאר וואס וועט טרענירן יוניאן מיטגלידער און זיי גיבן נייע דזשאב פעאיגקייטן.

**סענאטאר פיט האַרקהעם האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס איז גוטע נייעס פאר איינוואוינער פון די קאמיוניטיס וועלכע זענען די מערסטע באטראפן געווארן דורך די שליסונג פון די אינדיען פוינט ענערגיע צענטער. די באדייטנדע אינוועסטירונגען אין אינפראסטראקטור וועלן העלפן צו אנטוויקלען פונדאסניי די עקאנאמיעס פון די באטראפענע קאמיוניטיס. וויכטיגע אינוועסטירונגען ווערן אויך געמאכט אין ענווייראמענטאלע זיכערהייט, דזשאב טרענירונג און היסטארישע אפהיטונג. איך טוה אפלאדירן גאווערנאר האוקאל פאר די וויכטיגע אינוועסטירונגען."

**אסעמבלי פרוי סענדי געילעף האט געזאגט,** "די אפמאך איז א געוואונס פאר די לאקאלע קאמיוניטיס, דזשאבס אנטוויקלונג און פאר די באשיצונג פון די ענווייראמענט לענגאויס די האדסאן ריווער. מיט די 15 מיליאן דאלאר אויסגעטיילט פון די קאמיוניטי קאסע פארבינדן מיט די אינדיען פוינט סעטלמענט, וויל איך דאנקען גאווערנאר האוקאל פאר די סטעיט'ס פינאנציעלע שטיצע פאר די קאמיוניטיס וועלכע איך טוה פארטרעטן וואו די נוקלעארע פלענט האט זיך געפונען פאר צענדליגע יארן."

**קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאטימער האט געזאגט,** "דאס איז נאך א ביישפיל פון וואס א גוטע רעגירונג קען אויפטוהן ווען מיר קומען זיך צוזאם צו טוהן גוטס. א דאנק די געלטער, וועלן די נויטיגע אינפראסטראקטור פראיעקטן זעהן די שאוולען אין די ערד. דאס איז גוטע נייעס פאר וועסטשעסטער איינוואוינער, אזוי ווי מיר אלע בענעפיטירן פון פארבעסערטע וואסער, לופט און פיזישע אינפראסטראקטור, און עס איז גוטע נייעס פאר וועסטשעסטער'ס ארבעט'ס קראפט וויבאלד די געלטער קענען דירעקט פירן צו מער דזשאבס."

**ווילעדזש אָוו ביוּקענען מעיאר טעריזע ניקערבאָקער האט געזאגט,** "די ווילעדזש אָוו ביוּקענען וויל באדאנקען גאווערנאר האוקאל און די אינדיען פּוינט שליסונג איינהייט פאר די געשאנקענע געלטער וועלכע וועלן ערלויבן די ווילעדזש אָוו ביוּקענען צו דורכפירן אזויפיל נויטיגע פארבעסערונגען צו אונזער אלטע פּלענט מיט פארפעסטיגטע וואסער און אונז צוגרייטן פאר די צוקונפט פון אונזער קאמיוניטי."

**טאַון אָוו קארטלאנד סוּפּערווייזאר לינדע פּוגליסי האט געזאגט,** "אין די נאמען פון קאָרטלאנד טאַון וויל איך באדאנקען גאווערנאר האוקאל און די איינהייט פארן צושטעלן די קריטישע רעסארסן צו שטיצן אונזער ריינע וואסער אינפראסטראקטור, פארברייטערן געלעגנהייטן פאר נייע ביזנעסער אין אונזער קאמיוניטיי און אפלויף וואסער געלעגנהייטן פאר יעצטיגע ביזנעסער אין אונזער געגנט."

**טיעמסטערס לאָוקעל 456 פּרעזידענט לוּאיס פּיקאני האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנאר האוקאל און די אינדיען פּוינט איינהייט פארן פארזיכערן די געלטער וועלכע וועלן ערלויבן די ארבעט'ס קראפט פון די אינדיען פּוינט איינריכטונג צו באקומען די נויטיגע טרענירונג צו קענען אריבערגיין צו אנדערע וויכטיגע פראפעסיאנאלע קאריערעס."

**סוּפּעראינטענדענט פון הענדריק האדסאן סקול דיסטיקט, דזשאָוסעף האָטשרייטער, האט געזאגט,** "אין די נאמען פון די הענדריק האדסאן סקול קאמיוניטי, באדאנקען מיר גאווערנאר האוקאל און די איינהייט. זייער פארפליכטונג צו צושטעלן $500,000 וועט אונז ערמעגליכן צו צושטעלן צוגעלייגטע זיכערהייט מיטלען און פארזיכערונגען דורכאויס די אפרייניגונג אין אונזערע סקול איינריכטונגען."

**SVP פון די היסטאָריק האדסאן וואלי, פּיטער פאקריס, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר פאר די גאר וויכטיגע פינאנצירונג וועלכע וועט אויסנוצן פעדעראלע געלטער און ערמעגליכן ענווייראמענטאלע און אינפראסטראקטור פארבעסערונגען וועלכע וועלן פארזיכערן די זיכערהייט, באקוועמליכקייט און הנאה פון באזיכער צו וואַן קאָרטלאנד מאנאר."

**Riverkeeper'ס שיף קאפּיטאן און וויצע פּרעזידענט פאר שתדלנות, דזשאַן ליפּסקאָמב, האט געזאגט,** "Riverkeeper איז גאר פריילעך מיט ניו יארק סטעיט'ס באשלוס צו שטיצן א רייע פּראיעקטן, קאמיוניטיס און מענטשן דורך די אינדיען פּוינט קאמיוניטי און ענווייראמענטאלע קאסע (Indian Point Community and Environmental Fund). מיר זענען באזונדערס פריילעך צו זעהן אז די פינאנצירונג וועט פארזעצן פאר די האדסאן ריווער ביאלאגישע נאכפאלגונג פּראגראם וועלכע איז פינאנצירט געווארן פאר צענדליגע יארן דורך פּאווער פּלענטס צו מעסטן זייערע שאדנס אויף די באשעפענישן אין די האדסאן ריווער. אלץ איינס פון די וועלט'ס ברייטסטע אנגייענדע פיש באפעלקערונג נאכפאלגונג פּראיעקטן, איז עס קריטיש צו פארזעצן די באמיאונגען צו צוריק ברענגען אויסגעראטענע פיש באפעלקערונגען."

די היינטיגע אנאנס איז די לעצטע ביישפיל פון די סטעיט ארבעטנדיג צוזאמען מיט די לאקאלע שטייער דזשוריסדיקשענס, לעגיסלאטארן, יוניאנס און קאמיוניטי פירער צו דורכמאכן פאראנטווארטליכערהייט דעם ראיאן'ס עקאנאמישע אריבערגאנג נאכפאלגנדיג די פּלענט'ס שליסונג אום אפּריל 2021. די היי-יאריגע דורכגעפירטע בודזשעט האט אריינגערעכנט גענוג פינאנצירונג אויטאריזאציע צו צושטעלן זיבן יאר פון הילף דורך גרענטס פאר די אריבערגאנג פון וועסטשעסטער קאונטי, קאָרטלאנד טאַון, די ווילעדזש אָוו ביוּקענען און די הענדריק האדסאן סקוּל דיסטריקט אונטער די סטעיט'ס [עלעקטריציטעט אויפטרייבונג איינריכטונג שליסונג שאדן פארמינערונג פּראגראם](#) (Electric Generation Facility Cessation Mitigation Program) איבערגעגעבן דורך עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט (Empire State Development).

מער פון 100 מיליאן דאלאר דארף צו ווערן געשאנקען אין לויף פון זיבן יאר פאר די שטייער דזשוריסדיקשענס, גיבנדיג צייט פאר זיי זיך צו אריענטירן פון די פארלוסט פון בערך 32 מיליאן דאלאר פער יאר וואס איז געצאלט געווארן דורך Entergy ווען די איינריכטונג איז געווען אין אפעראציעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418